# יחי'דה'י

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת וארא תשפ"ד / גליון ע"א


## הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (בראשית)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | דנודע שעיקר בריאת |
| שני | כנודע שיש באדם |
| שלישי | וכל זה הוא על ידי |
| רביעי | ונקרא האדם גם כן |
| חמישי | אך שהמקדש ראשון עד ד"ה וכל זה |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


מפעלות חסידות קול דודי לעבן מיטן אייבערשטן

0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אירופה
033.0551.7811
"היכל המרכזי" אין נומער 9
אפטיילונג אויף ימי השובבי"ם
אין נומער 30


## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# דאס הייסט 'גלות'? דאס איז דאך א 'גאולה'!

### משה רבינו האט געהאט א מעסעדזש פאר אידישע קינדער: "אידן, איר מיינט אז איר זענט נאכאלץ אין גלות, איר לעבט אין א גרויסן טעות!

לאמיר זיך פארשטעלן אזא סארט בילד: מען האלט נאך זיבעציג יאר פון גלות בבל, עס איז שוין קוים דא אידן פונעם פריערדיגן דור וועלכע געדענקען נאך דעם ערשטן בית המקדש פון אלס קינד, און ברוך השם, ענדליך הייבן אן ארויפצוקומען די ערשטע הייפעלעך אידן פון בבל צוזאמען מיט עזרא הסופר, און מען הייבט אן אויפצובויען דעם צווייטן בית המקדש. אה, וואספארא שמחה! נישט אזוי?

מיר גייען ארום צווישן די ארבייטער וועלכע ארבעטן שווער, זיי שלעפן שווערע שטיינער, זעק פון ערד און צעמענט, זיי לייגן איין שטיין אויפן צווייטן און קלעפן עס צוזאם מיט ליים. און אט זעען מיר ווי איין איד איז גאר שטארק אפגעמוטשעט פון די שווערע ארבעט, קוים וואס ער קען כאפן דעם אטעם, עס קוקט אויס ווי יעדע מינוט גייט ער אט אט צוזאמפאלן פון גרויס פלאג. און פון זיין מויל גליטשט זיך ארויס א פאָר מאדנע ווערטער: "אוי, ווען וועלן מיר שוין ווערן אויסגעלייזט פון דעם גלות?!...".

הערנדיג אזעלכע סארט דיבורים גייט אונז דורך א סקרוך אין אלעביינער, מיר קענען זיך אודאי נישט איינהאלטן פון רעאגירן. גייען מיר צו צו דעם איד, מיר גיבן אים א געזונטן קלאפ אין פלייצע, און מיר זאגן אים: "ר' איד, וועקט אייך אויף פון חלום... איר זענט שוין נישט אין גלות מער! איר זענט שוין אן אויסגעלייזטער! איר ווייסט? איר בויעט יעצט א בית המקדש!". ווי פארשטענדליך, אז דער איד - הערנדיג אזעלכע גוטע דיבורים, גיבט ער זיך א כאפ וואו ער שטייט אויף דער וועלט, און אויף דער מינוט ווערט אים ליכטיג און זיס, און... פון איין מינוט צום צווייטן, איז ער געווארן אן 'אויסגעלייזטער'!!!

## איבערדרייען דעם 'גלות' צו 'גאולה'

דער הייליגער 'שפת אמת' זאגט (תר"מ, ובסגנון זה בעוד שנים): אט אזא סארט בילד האט זיך אפגעשפילט מיט אידן אין מצרים. מיר זענען געוועז דארט פארפייניגט און פארשווארצט, געארבעט און געשוויצט, און נישט געהאט קיין רגע מנוחה. און דארט האט זיך אונז ארויסגעגליטשט פון מויל - און נישט איינמאל, נאר יעדע פאָר מינוט - "טאטע, לייז אונז שוין אויס פון דא!".

איין זאך האבן מיר נישט אויפגעכאפט: אז מיר האלטן שוין אינמיטן די גאולה! מיר ארבעטן שוין יעצט אויפן גילוי פון 'כבוד השם'! און בפועל וועט דאס ארויסקומען, אין דער רגע וואס מיר וועלן אויפכאפן טאקע דאס גופא...

און דעמאלט האט דער אויבערשטער אונז געשיקט זיין שליח משה רבינו, און אונז געזאגט: **"וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלוֹת מִצְרָיִם"**, און ווי דער 'שפת אמת' איז מסביר: **"פֵּרוּשׁ, כִּי הַשֵּׁי"ת אָמַר לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי הַגָּלוּת הוּא לִכְבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ, וְעַל יְדֵי יְצִיאַת מִצְרַיִם יִתְגַּדֵּל שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'' כו'. וְעַל יְדֵי זֶה יַטּוּ שִׁכְמָם לִסְבֹּל עֹל הַגָּלוּת. וּמִמֵּילָא הָיָה נֶהְפַּךְ גּוּף הַגָּלוּת לְחֵרוּת"**.

משה רבינו האט געהאט א מעסעדזש פאר אידישע קינדער: "אידן, איר מיינט אז איר זענט נאכאלץ אין גלות, איר מיינט אז איר ארבעט פאר פרעה, איר מיינט אז איר בויעט גשמיות'דיגע פאראמידן פאר דער עגיפטישער רעגירונג, און עס האט גארנישט צו טון מיט 'קרבת השם'. אבער אידן, איר לעבט אין א גרויסן טעות! איר זענט בכלל נישט אונטערטעניגט אונטער פרעה! איר זענט אויסגעלייזטע מענטשן וועלכע ארבעטן פארן אויבערשטן! אט דער גלות - וואו אייך געפונען זיך - אט דאס וועט ברענגען דעם אויבערשטנ'ס גילוי אויף דער וועלט!". אין אנדערע ווערטער: "איר זענט אין גלות פארן אויבערשטנ'ס כבוד, און דער גלות איז פשוט א חלק פון דער גאולה!".

אט דער יסוד, ברענגט אונז צו פארשטיין די ווערטער וואס דער מדרש זאגט, אז אידן האבן נישט געוואלט צוהערן צו משה, ווייל עס איז זיי געווען זייער שווער אפצולאזן די עבודה זרה. זאגט דער שפת אמת: **"וְחָלִילָה לוֹמַר שֶׁהָיוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, אָכֵן עֲבוֹדַת מִצְרַיִם בְּעַצְמָם נִקְרֵאת עֲבוֹדָה זָרָה. וְאִם הָיוּ מְקַבְּלִין אוֹתוֹ הַדִּבּוּר, הָיָה נִכְלָל עֲבוֹדָה זוֹ בַּעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא"**. דער זעלבער 'גלות' און 'עבודה קשה' קען זיך אויסשטעלן אויף צוויי אנדערע פאָרמען, עס קען האבן א פאָרעם פון 'עבודת השם' - און דעמאלט איז דאס א חלק פון דער גאולה, און עס קען האבן א פארעם פון 'עבודה זרה' - מען דינט א פרעמדן 'פרעה הרשע' - און דעמאלט איז דאס טאקע א ביטערע גלות.

פירט אויס דער 'שפת אמת' אט דאס איז דער: **"שֹׁרֶשׁ וּמַפְתֵּחַ לִגְאֻלָּה"**. און: **"כָּל זְמַן שֶׁאֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מְקַבְּלִין יְדִיעָה זֹאת, אֵין מָקוֹם לִגְאֻלָּה"**. **"וּבֶאֱמֶת יְדִיעָה זוֹ הִיא הֲכָנָה לִגְאֻלָּה, כְּמוֹ שֶׁהָיָה בָּאַחֲרוֹנָה, שֶׁקֹּדֶם הַגְּאֻלָּה קִבְּלוּ מַלְכוּת שָׁמַיִם, כְּמוֹ שֶׁאָמַר 'מִשְׁכוּ [יְדֵיכֶם מֵעֲבוֹדָה זָרָה]'"** - כדי דער גלות זאל טאקע קענען ברענגען די ליכטיגקייט פון א גאולה, מוז דער גלות אויך האבן אין זיך עטוואס ליכטיגקייט! בלויז ווען אין גלות איז מען מקבל אויף זיך דעם אויבערשטנ'ס הנהגה, און מען ארבעט טאקע זייער שווער - אבער מיט אביסל 'דביקות' אינעם אויבערשטן, נאר דעמאלט קען טאקע פאסירן א בפועל'דיגע גאולה! (קוק אריין אינעווייניג

> מיר גיבן אים א געזונטן קלאפ אין פלייצע, און מיר זאגן אים: "ר' איד, וועקט אייך אויף פון חלום... איר זענט שוין נישט אין גלות מער! איר זענט שוין אן אויסגעלייזטער!

דארט, ווי ער ציהט ווייטער דעם פאדים, אז וויבאלד אידישע קינדער האבן דאס נישט פארשטאנען, דעריבער האט דער אויבערשטער געזאגט: "אהרן יהיה נביאך" - דער כח פון צדיקים וועט זיי העלפן דאס צו פארשטיין, און דורכדעם וועלן זיי קענען אויסגעלייזט ווערן בפועל ממש).

## גלות: ער מיינט אז ער איז אין גלות

**וואס דאס מיינט פאר מיר פערזענליך:** שטייט א איד און מוטשעט זיך מיט זיין פעקל, ער איז אין א צער, אין א גלות הגוף והנפש, און ער בעט זיך אויף א 'גאולה', ערווארט אז עס זאלן קומען בעסערע טעג. ער ווארט נאך א טאג און נאך טאג, ער וויל שוין זען דעם עק פונעם טונעל, וואו דער זון שיינט אויף און אלעס ווערט באלאכטן און געשמאק. אבער ער זעט עס נאכנישט, עס איז אים ביטער און פינסטער.

קומט משה רבינו און זאגט אים: "ר' איד, אזוי וועסטו נישט קענען גרייכן צום עק טונעל! ווייל דיין גאולה געשעט נישט ווען דו 'גייסט ארויס' פון דיין גלות, נאר ווען דו 'ברענגסט אריין'

המשך אין עמוד ב

# דורכגיין 'איבערן' גאס

## פארוואס קומט אונז אזוי שווער אן אפצוהיטן אויגן? • פארוואס קומט אונז אזוי שווער אן אפצוהיטן אויגן? • גיין אין גאס מיט שמירת עינים, איז בלויז כדי נישט צו נכשל ווערן אדער ליגט דא א טיפערע משמעות?

**משפיע:** וואס טוט זיך אברהם יצחק?

**אברהם יצחק:** כ'האב גארנישט ספעציעל פון וואס צו רעדן.

**משפיע:** וויאזוי קען זיין? מיר האלטן אינמיטן א פלאמעדיגע שובבי"ם, האסט גארנישט וואס אויסצוקלארן?

**אברהם יצחק:** קוק, כ'בין אריין מיט א ברען אין די עבודת השובבי"ם, כ'האב זיך מקבל געווען גוטע קבלות, און לעת עתה פארט עס...

**משפיע:** זייער גוט, ב"ה. אויב איך מעג, וואספארא קבלות...?

**אברהם יצחק:** קיין פראבלעם, בפרט אז דער משפיע האט א זכות דערין, צוליב אונזער שמועס איבער 'שמירת עינים'... כ'האב זיך מקבל געווען בל"נ אז דעם גאנצן וועג

דער נושא דא איז נישט נאר צי מ'זעט א ראיה אסורה צי נישט, נאר דער נושא איז צי דער מענטש געהערט און איז פארבינדן צום עולם הגשמי, אדער איז ער דערהויבן העכער הבלי עולם הזה

צום ישיבה און צוריק וועל איך גיין מיט אראפגעלאזטע אויגן אן זיך אינטערעסירן פון אלץ ארום.

**משפיע:** מיינסט די שמועס איבער 'די פעסטער גאסן', אויפן מקיים זיין 'סור מרע' אזויווי 'עשה טוב'? ב"ה אז אונזער שמועס האט געברענגט פירות, נו, די קבלה איז מצליח?

**אברהם יצחק:** ב"ה, סך הכל נעם איך אן אנדערער וועג וואס דויערט בלויז פינף מינוט, און אפטמאל טרעף איך זיך נישט אן מיט עפעס געפערליך, ס'איז נישט עפעס א שווערע קבלה, אבער כ'בין עס מחשיב... ס'ארבעט בעז"ה.

**משפיע:** זייער גוט. כ'מיין אז ס'איז כדאי אביסל אריינצוטראכטן אין די מהות פון שמירת עינים. לאמיר דיר פרעגן, וואס איז דער ענין דערפון? פארוואס איז אזוי וויכטיג אויפצוהיטן די אויגן? און פארוואס איז עס שווער?

### פארוואס איז שמירת עינים אזוי שווער?

**אברהם יצחק:** גאנץ פשוט. די תורה זאגט "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם". ממש פשוט, וואס איז די שאלה?

**משפיע:** גערעכט. אבער לויט דיינע ווערטער איז עס פונקט ווי איינער וואס גייט ארויס פון הויז איינצוקויפן עסן, ווען אויף יענעם גאס איז דא א געשעפט וואס פארקויפט נבילות וטרפות, און אלס א שומר תורה ומצוות קויפט ער נאר פון א כשר'ע געשעפט. באטראכסט די נסיון פון שמירת עינים אזויווי יענער איד?

**אברהם יצחק:** יא. ס'איז די זעלבע געדאנק, חוץ אז פאר יענעם איד איז אסאך גרינגער, ווייל וועלכער פרומער איד האט א נסיון איינצוקויפן טריפה'נע פלייש...

**משפיע:** פארוואס נישט? טראכט, מ'טאר נישט עסן טריפות, און מ'טאר קוקן וואו מ'דארף נישט, פארוואס איז דער נסיון גרינגער פון יענע?

**אברהם יצחק:** א גוטע שאלה, כ'ווייס נישט.

**משפיע:** כ'האב נישט ערווארטעט צו הערן א תירוץ, כ'האב דיר נאר געוואלט אויפמערקזאם מאכן די שאלה, כדי דו זאלסט טיפער אריינטראכטן וואס איז די כח וואס ציעט דעם אויג ארומצוקוקן איבעראל, וואספארא טיפערע משמעות און רווח באקומט מען פון שמירת עינים.

**אברהם יצחק:** טיפקייט? איך כאפ נישט וואספארא עמקות ליגט דא? מ'רעדט פון א היבש פשוט'ע ענין, שמירת עינים, ס'בויעט זיך אויפן לאו "ולא תתורו", וואס קען שוין זיין? אפשר וויל מיר דער משפיע אויפדעקן וואס ס'טוט אויף אין די עולמות העליונים...

**משפיע:** גראדע קען מען אסאך רעדן וואס ס'טוט זיך אפ אין די עולמות העליונים, מ'קען מאריך זיין אויפן 'עת רצון' וואס שאפט זיך ווען א מענטש היט זיינע אויגן, ווי דער אלטער רבי זי"ע איז מאריך אין ספה"ק 'טהרת הקודש' אין זיינע מאמרים אויף שמירת עינים, אז א מענטש קען דעמאלטס אויס'פועל'ן ישועות למעלה מדרך הטבע, און נאך אסאך מעלות און קדושות צו וואס מ'קען זוכה. אבער כ'האב נישט דאס געמיינט, כ'האב דיר געוואלט מסביר זיין וואס ליגט אין די עבודה פון שמירת עינים, כ'האב נישט דווקא געמיינט עפעס אן 'עמקות', נאר פשוט אריינטראכטן אין וואס ס'ליגט אונטער די שוועריקייט, און וואס מ'פארדינט יעדעס מאל מ'איז זיך מתגבר אויפן שוועריקייט.

**אברהם יצחק:** אדרבה, כ'וויל הערן.

### די וועלט שרייט: קוק אויף מיר!

**משפיע:** **די פשוט'ע, אויסערליכע פעולה** פון שמירת עינים איז: נישט קוקן וואו מ'טאר נישט. כדי צו זיין נזהר דערין פאדערט זיך פונעם מענטש זיך נישט צו אינטערעסירן איז אלץ וואס קומט פאר אין גאס און אין פלעצער וואו מ'קען נכשל ווערן. אלס תוצאה דערפון גייט דער מענטש אין גאס מיט אראפגעלאזטע אויגן און קוקט נישט אויף אלץ וואס גייט פאר ארום אים. אבער דא קומט **די פנימיות'דיגע תוצאה** וואס די מצוה ברענגט: ער גייט אויפן גאס אויף א וועג אז ער איז אפגעהאקט און געהויבן העכער די השפעה פון די גאס. יעצט הייבן מיר אן פארשטיין פון וואו די שוועריקייט שטאמט, ווייל דער נושא דא איז נישט נאר צי מ'זעט א ראיה אסורה צי נישט, נאר דער נושא איז צי דער מענטש געהערט און איז פארבינדן צום עולם הגשמי, אדער איז ער דערהויבן העכער הבלי עולם הזה. דערצו הייבן מיר אן פארשטיין וואספארא באדייטנדע השפעה דאס היטן די אויגן און זיך נישט לאזן אריינגליטשן אין די וועלט האט אויפן מענטש.

**אברהם יצחק:** כ'האב נאכנישט פארשטאנען וואס איז די שוועריקייט? פיין, ווען מ'היט די אויגן דערהייבט מען זיך פון די וועלט, אבער וואס איז די שוועריקייט? וואס ציעט די אויג אנצוקוקן די וועלט?

**משפיע:** פרעגסט גוט, כדי זיך צו פארמעסטן מיט די נסיון דארף מען האבן א קלארקייט אין די שוועריקייט, און אזוי טרעפט מען די פאסיגע עצות.

די שוועריקייט איז ווי פאלגנד: פרוביר זיך פארצושטעלן

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

ליכטיגקייט אין דיין גלות! בלויז ווען דו הייבסט אן צו פארשטיין, אז אלע דיינע שוועריקייטן און מוטשערייי - קומט פונעם איבערשטן, און דו פארשטייסט אז דער אויבערשטער איז אויך יעצט מיט דיר דא, און דו ארבעטסט אויך יעצט פאר זיין 'כבוד' און 'גילוי אורו' - דעמאלט ביסטו שוין בעצם אן אויסגעלייזטער! און דורכדעם הייבט זיך יעצט אן דיין פריוואטע בפועל'דיגע גאולה!".

קומט אויס: 'גלות' מיינט נישט, שוועריקייטן, נסיונות און הסתרות. גלות מיינט: דאס וואס דו טראכסט, אז דו ביסט יעצט פערצופאל אריינגעפאלן אונטער שוועריקייטן, נסיונות און הסתרות. גלות איז, דאס וואס דו מיינסט אז דו ארבעטסט פאר פרעה - און נישט פארן אויבערשטן, וואס אויטאמאטיש שפירסטו זיך אין א פינסטערן 'גלות'. ווען געשעט א גאולה? אין דער סעקונדע וואס דו האסט געכאפט, אז דיינע אלע שוועריקייטן אין פרנסה, און דיינע אלע תאוות און נסיונות וועלכע ברענען אין דיר, זענען אויך כבוד ה'! דאס זענען אויך גילויים פונעם אויבערשטנ'ס געטליכקייט! אט דאס איז 'גאולה'. איינמאל דו פארמעסט זיך מיט אלע שוועריקייטן מיט אן אינערליכע שמחה און ידיעה, אז 'יעצט דין איך דעם אויבערשטן' - קען מען שוין נישט זאגן אויף דיר, אז דו ביסט א 'גלות-איד', ניין! דו ביסט אן אויסגעלייזטער! דו טוסט ווייטער די זעלבע זאכן און גייסט ווייטער דורך אלע יסורים, אבער עס איז שוין נישט קיין עבודה 'זרה' - נאר עבודת 'השם'.

בלייבט נאר איבער צו וואונטשן, אז די גאולה זאל שוין טאקע אינגיכן ווערן ארויסגעברענגט אויך אינעם פאקטישן זין: "כִּי זֶה שֹׁרֶשׁ וּמַפְתֵּחַ לִגְאֻלָּה".

**חלק מהוצאות הגליון**
נתנדב ע"י ידידנו הנכבד הרה"ח
רבי **אברהם איצקאוויטש** שליט"א
לרגל שמחתו בהולדת בתו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת

**חלק מהוצאות הגליון**
נתנדב ע"י ידידנו הנכבד הרה"ח
רבי **ישעי' רייכבערג** שליט"א
לרגל שמחתו בהולדת בנו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנו רוב נחת

**פטרון הדפסת הגליון**
נתנדב ע"י ידידנו הנכבד הרה"ח
רבי **מאיר אברהם שטיינער** שליט"א
לרגל שמחתו בנישואי בנו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע יזכו לבנות בית נאמן בישראל

**הפצת הגליון בק"ק ווייען נתנדב**
הבודת הבהודים
ווייען

**חלק מהוצאות הגליון**
נתנדב ע"י ידידנו הנכבד הרה"ח
רבי **ברוך פעדער** שליט"א
לרגל שמחתו בהולדת בנו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנו רוב נחת

דאס לעבן פון א בלינדער מענטש, וואס גייט ער אריבער? פארוואס איז ער "חשוב כמת" רח"ל? ער לעבט דאך, ער עסט און קען אפילו דאווענען און לערנען, פארוואס הייסט עס ווי גלייך ער לעבט נישט אויף דער וועלט? די ענטפער איז, ווייל למעשה איז ער אינגאנצן אפגעהאקט פון די וועלט, די מינוט וואס מ'קען גארנישט זען, נישט קיין מענטשן, אביעקטן, קיין קאלירן און געשטאלטן, גארנישט ארום זיך - איז מען אינגאנצן אפגעהאקט פון די וועלט. שטעל זיך פאר ווי דער בלינדער זעט קיינמאל קיין שום געשעעניש אדער פעולה פון די וועלט, ער איז אינגאנצן איינגעצוימט אין זיך, ער באלעבט און שפירט בלויז זיינע אייגענע געפילן און געשעענישן.

יעצט לאמיר טראכטן פון זיך, ווען א מענטש גייט אין גאס און הייבט נישט קיין אויג אויף וואס ס'גייט פאר ארום אים - ער איז אינגאנצן אפגעהאקט פונעם עולם הגשמי, ווייל דער עצם פאקט אז א מענטש לעבט אויף די וועלט, פאדערט פון אים צו 'לעבן' דערין, און אזויווי יעדער פארשטייט די שוועריקייט פון זיין בלינד רח"ל, אזא ענליכע שוועריקייט שפירט א מענטש וואס איז אפגעהאקט פון די סביבה, ווייל 'עולם הזה' כאילו פארלאנגט פון אים: "קוק אויף מיר", "רעכן זיך כאטש מיט מיר", זיי כאטש באוואוסטזיניג איבער וואס ס'קומט פאר אין גאס, אין די וועלט, וואס גייט דא און פאסירט דארט... אזוי איז די וועלט, און ווער ס'לעבט דערין אין א גוף גשמי שפירט אט די משיכה צו וויסן וואס ס'גייט פאר ארום זיך, אבער ווען מ'גייט מיט אראפגעלאזטע אויגן שפירט מען ווי גלייך מ'דערלייגט עפעס, מ'שפירט כאילו איינער רופט און מ'דרייט זיך נישט אויס...

**אברהם יצחק:** כ'האב פונקט לעצטנס געזען א בריוו פון אלטן רבי'ין זי"ע וואס ווערט אראפגעברענגט אין 'הוספות וביאורים' אויף 'שומר אמונים' אין מאמר הבטחון וההתחזקות, וואו ער שרייבט אינמיטן אז ווען מ'גייט אין גאס זאל מען זיך אויס'משל'ען כאילו מ'איז בלינד.

**משפיע:** פשוט, יישר כח פארן מראה מקום. יענדפאלס, ווען א מענטש קוקט נישט אויף די וועלט, טוט ער איז בעצם אויסדריקן זלזול צום גאנצן עולם הגשמי, ער דערקלערט אז ער האקט זיך אפ דורכ'ן זיך נישט באציען צו די סביבה, און אזויווי ווען דו רעדסט צו איינעם, און נישט נאר וואס יענער ענטפערט דיר נישט, נאר ער רעכנט זיך בכלל נישט דערמיט, ער געבט אפילו נישט די מינדעסטע בליק אויף דיר, ווערסטו שפירט א שרעקליכע זלזול, ווייל דו שפירסט אז דער מענטש איז דיר אינגאנצן מבטל. אייגנטליך ווען מיר גייען אין גאס מיט שמירת עינים טוען מיר ממש דאס, און דאס די כוונה פנימית פארוואס דער בורא האט אונז באפוילן נישט נאכצוגיין די אויגן, ס'מיינט נישט נאר נישט קוקן וואו מ'טאר נישט, נאר נישט צו שעצן און זיך רעכענען מיט אלע הבלי עולם הזה.

## א טיפע קשר

**אברהם יצחק:** הייסט אז "ולא תתורו" מיינט בכלל נישט אנצוקוקן די וועלט?

**משפיע:** ס'איז אפשר נישט דער לאו גופא, אבער די תוצאה פונעם די לאו, די ציל צו וואס די תורה וויל אז שמירת עינים זאל אונז פירן, איז ווי תורה זאגט ווייטער אין פסוק "והייתם קדושים לאלקיכם", וואס מיינט 'קדושים'? קדושה מיינט זיין אפגעזונדערט, 'מוכן ומזומן', גרייט צו ווערן עפעס העכער און געהויבענער.

**אברהם יצחק:** אזויווי תוספות זאגט אנהייב מסכת קידושין אויפן לשון 'הרי את מקודשת לי'?

**משפיע:** ממש אזוי, ממש א קליינער תלמיד חכם... פונקט ווי קידושין האט צוויי חלקים אין זיך, די פרוי ווערט גע'אסר'ט אויף די גאנצע וועלט, ווי די לשון הגמרא "דאסר לה אכולי עלמא כהקדש", און דערצו אז זי איז 'מיוחד', זי איז גרייט און אפגעזונדערט פארן מענטש ווי תוספות זאגט. ביי קדושה גייט אן פונקט די זעלבע הגדרה, און דאס איז וואס כ'האב דיר געמיינט מיט 'די טיפקייט' פון די מצוה, ווייל די גאנצע נושא פון שמירת עינים און קדושה איז נישט נאר טעכנישע פעולות פון זיך אפהיטן פון באגיין עבירות, נאר די שמירה איז א מיטל צו זיין 'מיוחד', אפגעזונדערט און גרייט פאר השראת השכינה, די שמירה איז כדי צו זיין אפגעהאקט פון יעדן שייכות צו הבלי העולם, און ועל כולם צו וועבן א טיפע, פנימיות'דיגע קשר מיטן אויבערשטן.

דערפאר רופט זיך די גאנצע נושא 'שמירת הברית', ס'איז א בונד פון א טיפע, וואונדערליכע קשר מיט הקב"ה, און דער קשר שאפט זיך נאר ווען מ'שיידט זיך אפ פון די וועלט און אירע נארישקייטן. די שטערקסטע אויסדרוק פון זיין 'אפגעזונדערט', איז ווען מ'געבט א שפיי אויפן גאנצן עולם הגשמי דורכ'ן נישט געבן קיין שום בליק דערויף!

**אברהם יצחק:** הייסט אז שמירת עינים האט צוויי חלקים, איינס, נישט קוקן וואו מ'טאר נישט, אבער דער חלק פאר זיך וואלט נאכנישט אנגעקומען אזוי שווער, ווייל וואס מ'טאר נישט טאר מען דאך נישט, אזויווי דער איד מיטן נסיון פון טריפות... משא"כ דער צווייטער חלק, דאס זיך אפהאקן פון די וועלט, דארט ליגט דער עיקר שוועריקייט, און כדי אפצוהיטן די ערשטע חלק מוז מען היטן די אויגן, און זיך אזוי ממילא אפהאקן פון די וועלט.

**משפיע:** רעד ווייטער - און דא ליגט די עיקר פארדינסט, נישט נאר אז מ'מוז היטן די אויגן, ווי גלייך מ'דערלייגט עפעס און מ'איז אבי אנגעקומען צו א שוועריקייט אין היטן די אויגן, נאר דא קומט די עיקר רווח, דאס איז די מטרה, דווקא די צווייטע חלק ברענגט אונז צום ציל פון "והייתם קדושים לאלקיכם", זיין אפגעשיידט און מיוחד פאר השראת השכינה.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג, נאכן פארדינען אזויפיל, קוק איך אנדערש אן מיין קבלה טובה.

**משפיע:** ווען מ'האט אזא בליק, ווערט אסאך גרינגער צו היטן די אויגן, ווי אויך טוט מען זיך פיל מער דערנענטערן צום ציל.

זאלסטו האבן סייעתא דשמיא, און כ'וואלט דיר געראטן אז סיי ווען ס'קומט דיר אויף שאלות אדער געדאנקען איבער די טעמע, זאלסטו עס פארצייכענען פאר זיך, און מיר וועלן רעדן דערוועגן אינעם קומענדיגן געלעגנהייט, ווייל מ'קען אסאך מאריך זיין דערין.

**אברהם יצחק:** בעזרת ה'.

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט ז"ע

**הלוואי זאל איך קישן די ספר תורה, מיט די זעלבע גרויסע ליבשאפט וואס דער בעל שם הק' האט געקושט די תינוקות של בית רבן**

**הרה"ק המגיד הקדוש ממעזריטש זי"ע**

# דאס חסיד'ישע לעבן

## די עבודה פון א באלעבאס

חאצקל פאררופט זיך אלס א 'בעל הבית'.

ער טוט אין מסחר פון צופרי ביז ביינאכט. קויפט און פארקויפט, ברענגט און טראגט, בארגט און צאלט, און דאס אלץ אין די גאסן און אין מארק. פלעצער וואס טוט נאטורליך נישט איבריג דערהייבן. נאר ווען די זון גייט אונטער, מאכט ער זיין וועג צום בית המדרש, הארעוועט אויף זיינע שיעורים, און שעפט זיך אן מיט קדושה.

דאס אלץ טוט אים נישט פארמיידן, אפשר טוט עס אים גאר צושטופן, זיך צו ציילן צווישן די וואס פארן קיין מעזריטש, צום הייליגן מגיד זי"ע, זיך צו דערקוויקן פונעם באר מים חיים.

אבער ס'איז דא איין פראבלעם. נישט יעדער מח איז אומשטאנד צו פארשטיין די טיפזיניגע תורות פונעם גרויסן מגיד, און זיכער נישט די באגרעניצטע מח פון חאצקל. און דערצו, דער מגיד האט אנגעוויזן זיינע הייליגע הדרכות אויסשליסליך פאר זיינע גרויסע תלמידים, די שרפי מעלה, הדרכות פון וואס חאצקל איז ווייט געשטאנען, נישט זייענדיג מעגליך עס אריינצוגלידערן אין זיין פשוט'ע סדר היום.

ענדליך איז חאצקל צוגעקומען צום מגיד ביים זיך געזעגענען, מיט א בקשה: "ילמדנו רבינו, וואס איז די סדר עבודה פון א בעל הבית?

"ווילסט וויסן די סדר עבודה פון א בעל הבית?", ענטפערט דער מגיד, "פאר קיין זיטאמיר, צו מיין תלמיד רבי וועלוועלע, זאג אים אין מיין נאמען אז ער זאל דיר אויסלערנען די סדר עבודה פון א בעל הבית".

זאפארט פארט חאצקל קיין זיטאמיר. דער זייגער איז שפעט ביי זיין אנקום. ער שטייגט אראפ פון וואגן, מאכט זיין וועג אינעם שטורוימישןגאָס, און גייט צו צום טיר פון הרה"ק רבי זאב וואלף זי"ע. ער קלאפט אויפן טיר. ער וואלט נישט מטריח געווען דעם צדיק אינמיטן נאכט, ווען נישט ער זעט דורך די דורכזיכטיגע פענסטער, ווי דער צדיק איז נאך וואך, פארטיפט אין זיין עבודת הקודש.

חאצקל קלאפט נאכאמאל, און נאכאמאל, מעגליך אז דאס קול האט נישט דערגרייכט ביזן צדיק. אבער די טיר עפנט זיך נישט.

חאצקל טראכט צו זיך, זיכער האט אים דער בעל הבית נישט געהערט, און ער קלאפט ווידעראמאל. אבער די טיר בלייבט פארשלאסן, טראצדעם וואס ער הערט קלאר ווי דער בעל הבית דרייט זיך אין הויז, ער זעט אים פון פענסטער.

חאצקל קלאפט, און קלאפט. נאכאמאל, ווידעראמאל און צום-וויפילטן מאל. די טיר בלייבט פארהאקט.

חאצקל געבט אויף, ער באשליסט זיך אוועקצוזעצן אינדרויסן, אויף די פייכטע ערד, ביז די זון וועט אויפשיינען. נאר דאן האט אים דער צדיק געעפנט די טיר, זיך געאיילט אים אנצוגרייטן א בעט, אן אנגעהייצטע צימער און א נארהאפטיגע סעודה.

חאצקל געבט אים איבער די הוראת הקודש, און רבי וועלוועלע שווייגט. נישט נאר דאס, דורכאויס חאצקל'ס גאנצע וויילן ביי אים אין הויז, האט רבי וועלוועלע גארנישט גערעדט צו אים דערוועגן, ביז חאצקל'ס געדולד פלאצט. ער וואונדערט זיך צו אים: "פארוואס פילט איר נישט וואס דער רבי האט אייך געהייסן?", פרעגט ער.

רבי וועלוועלע וואונדערט זיך צוריק: "גלייך ווען דו ביסט אנגעקומען, האב איך עס מקיים געווען, ווייל געווי דאס איז די עבודה פון א בעל הבית: ווען ער וויל - עפנט ער און לאזט אריין. ווען ער וויל נישט - פארשליסט ער און לאזט נישט אריין".

לויט א צווייטע גירסא, האט אים דער צדיק געזאגט: "דאס איז די עבודה פון א בעל הבית: צופרי צינדט ער אן אלע אויוונס אין פון שטוב, כדי ס'זאל זיין הייס פארן גאנצן טאג. ביינאכט פארשליסט ער אלע טירן, כדי ווילדע חיות זאלן נישט אריינקומען אין הויז".

חאצקל פארשטייט. צופרי, עפנט ער זיין הארץ, אין בית המדרש און נעמט אריין וויפיל ס'גייט, "ער צינדט אן אלע אויוונס" פארן גאנצן טאג, און ביינאכט, אין מארק, פארשליסט ער אלע טירן, ווייל ווען ער וויל נישט - ווער וועט אריינקומען?

מקור: שמועות וסיפורים

# חזרת הש"ץ (א)

## חזרת הש"ץ איז מער נישט מער ווי א 'חזרה' אויף שטילע-שמונה עשרה? • וואס איז מעורר מער השפעות: יעדן'ס פריוואטע עבודה, אדער די כלליות'דיגע עבודה פון ציבור?

## שאלה:

וואס איז די עבודה פון חזרת הש"ץ? כ'האב שוין געדאווענט, וואס טוט מען יעצט ווען דער שליח ציבור דאווענט? כ'שעם זיך אביסל צו זאגן, אבער ס'איז מיר דעמאלטס היבש לאנגווייליג... מ'טאר נישט רעדן, אפילו נישט לערנען, נאר פשוט שווייגן און צומאל ענטפערן אמן. כ'געב זיך נישט קיין עצה דערמיט, און כ'ווארט אז ס'זאל דורכגיין. כ'וועל זיך פרייען אויב קלערט מען מיר אויף די עבודה דערפון.

## תשובה:

'חזרת הש"ץ' מיינט נישט 'נאך א חזרה' אויפן תפילה וואס מ'האט נארוואס געדאווענט, נאר ס'איז א נייע תפילה, און אסאך העכער! און פאר די סיבה 'הערט' מען נישט חזרת הש"ץ, נאר 'מ'דאווענט' חזרת הש"ץ, פשוט אונזער תפילה ווערט דעמאלטס געדאווענט פון דאס מויל פון שליח ציבור. **לאמיר זיך אביסל פארברייטערן צו מסביר זיין דעם ענין, בעז"ה.**

## 'נקודה אלקית' אנטפלעקט זיך נאר דורכ'ן כלל

כאטש על פי פשטות, איז די היכע שמונה עשרה מתוקן געווארן פאר עמי הארץ וואס ווייסן נישט וויאזוי צו דאווענען, און דערביי זענען זיי יוצא ידי חובתם, אבער על פי פנימיות, איז נישט חזרת הש"ץ די זעלבע תפילה וואס מ'האט געדאווענט ביי שטילע-שמו"ע, נאר ס'איז א נייע תיקון וואס מ'לייגט צו אויף די פריערדיגע. לויט דעם כלל אין קדושה פון 'מעלין בקודש', קומט אויס אז די תפילה איז נאך מער דערהויבן ווי שטילע שמונה-עשרה, און דאס איז טאקע דער אמת: ס'איז פיל העכער און מער פנימיות'דיג.

כדי ארויסצוהאבן דעם ענין, וואס איז דער עיקר חידוש פון 'עבודת חזרת הש"ץ', דארפן מיר שארפער פונאנדערשיידן די הויפט חילוק צווישן 'שטילע שמו"ע' מיט 'הויכע שמו"ע', דאס איז: שטילע שמו"ע איז **עבודת הפרט**, הויכע שמו"ע איז **עבודת הכלל**. חזרת הש"ץ איז געהייגנט נאר פאר א 'ציבור', ס'איז אויסשליסליך א ארבעט פון א 'שליח ציבור', וואס אייגנטליך דאווענט ער אלס 'שליח' פון ציבור. ווידעראום תפילת הלחש ווערט געדאווענט 'בין אדם לקונו', ס'איז פולשטענדיג א שמועס און עבודה פרטית צווישן יעדן איינעם פון אונז מיטן טאטן אין הימל.

**וואס איז די אונטערשייד צווישן 'פרט' און 'כלל', צווישן א 'יחיד' און א 'ציבור'?**

דער יחיד האט זיך זיינע חסרונות, זיינע פגמים, און ווען ער טרעט צו צו דאווענען, הייבט מען אים אן מעסטן לויט זיין מצב און פריוואטע מעלה. דאקעגן ווען דער ציבור שטעלט זיך דאווענען, קען מען נישט אין אכט נעמען די חסרונות און פגמים, ווייל דא דאווענען נישט קיין פרטיות'דיגע מענטשן, נאר א פאראייניגטער כלל. וואספארא פונקט טוט דאס כלל אויסדריקן? דער כלל דריקט אויס די פאראייניגטע נקודה וואס יעדער איינציגער פרט פונעם כלל פארמאגט, וואס דאס איז: נקודת היהדות, די געטליכע נקודה וואס רוהט אין אונז אלע (מבשרי אחזה אלוק: ווען מ'באציעט זיך צו א מענטש בפרטית, צו זיין האנט, אויער, אויג, צו דער אייגנשאפט אדער א אנדערער, דאן האט יעדע גליד און תכונה איר מעלה און חסרון, אבער אויב באציעט מען זיך צו אים אלס 'א גאנצער מענטש', איז מער נישט די נושא וואס טוט יעדע גליד און תכונה, נאר מ'זעט א גאנצע נפש און נישט אירע כוחות און גלידער).

ווייל די פגמים קומען פון יעדן באזונדערן מענטש, זיי געהערן בלויז צו פרטים, אבער די נקודה האלקית איז גלייך ביי יעדן, ס'געהערט צום גאנצן כלל, און ס'איז נישטא דארט קיין פגמים. ווי ס'שטייט אין 'נועם אלימלך', אז ס'איז פארהאן א היכע עולם וואס הייסט 'כל ישראל', און דארט רירט נישט אן קיין שום פגם.

דעריבער איז באקאנט די מאמר חז"ל "אינו דומה מועטים העושים את המצוה, לרבים העושים את המצוה", ווי אויך טרעפן מיר אז די שכינה איז נאר שורה ווען ס'איז דא "עשרה מישראל" (וואס די נומער 'צען' שאפט א קומה שלימה), ווייל ריכטיג אז די שכינה איז שורה אויף יעדן פרטית'דיגן איד, יעדער איד האט אין זיך א נקודה אלוקית, אבער אט די נקודה אלוקית דריקט זיך ריכטיג אויס נאר אין א ציבור, און דעמאלטס איז די השראת השכינה אויף גאר א העכערע און באדייטנדע פארנעם.

ווי ערקלערט אין זוהר הקדוש לגבי די מעלה פון 'תפילה בציבור', אז די שוואכסטע תפילה מיט מנין האט מער כח ווי די סאמע געהויבנסטע תפילה ביחידות! און די סיבה דערצו איז, ווייל ווען א מענטש דאווענט ביחידות באציעט מען זיך דערצו לויט זיין אייגענע עבודה און דרגה, מה שאין כן ווען מ'דאווענט מיט מנין, באציעט מען זיך דערצו לויט דער נקודה אלוקית וואס איז גלייך ביי יעדן, וואס איז גבוה מעל גבוה, און דערפאר שאפט דאס פיל א גרעסערע השראת השכינה וואס ברענגט אז די תפילה זאל אנגענומען ווערן אפגעזען ווי ס'קוקט אויס.

שטעל זיך פאר ווי ווייט ס'גייט: משה רבינו, וואס איז קדוש בכל קדושות און מושלם בכל שלימות, ווען ער האט געדארפט צוקומען צו השראת השכינה, האט ער געמוזט צוווארטן פאר נאך ניין פשוט שבפשוט'ע בחורים'לעך, כדי צו מגלה זיין קדושת ישראל און ממשיך זיין השראת השכינה.

דאס איז די עבודת הכלל ביי חזרת הש"ץ - א היכע, פנימיות'דיגע עבודה, וואס אנטפלעקט די נקודה אלוקית וואס מיר האבן אין זיך.

## נאך די עבודה פרטית דערמאנט מען זיך: 'ס'איז דא א כלל...'

אויב וועסטו פרעגן: לויט דעם פארוואס פעלט בכלל אויס די עבודת הפרט ביי שטילע-שמו"ע? איז דען נישט בעסער זיך וועקצושטעלן אלס א 'כלל', אלס ריינע נשמה אן **קיין פגם, פארוואס דארף מען זיך אוועקשטעלן מיט אלע** חסרונות וואס קומען מיט אלס א 'פרט'?

אבער דער אמת איז, אז דאס איז אונזער עבודה אויף וואס מיר זענען דא אויף דעם עולם. נישט אומזיסט האט אונז השי"ת אהערגעשיקט אלס 'שליחים פרטיים', ווייל יעדער איינער פון אונז האט זיך עפעס א פרטית'דיגע שליחות אויף די וועלט, און בשעת זיין פרטית'דיגע דאווענען איז ער מתקן זיין פרטית'דיגע תיקון, און דערביי לייזט ער אויס זיינע פרטיות'דיגע ניצוצות הקדושה, און דאס ווערט דורכדעם וואס ער שאפט א פרטית'דיגע, פריוואטע קשר מיטן אויבערשטן.

אויף דעם זאגט די משנה "אם אין אני לי מי לי", ווייל ריכטיג אז "כשאני לעצמי מה אני", און איך מוז צוקומען צום עבודת הכלל, אבער צוערשט דארף איך וויסן אז "אם אין לי מי לי", און אן מיין פרטית'דיגע עבודה האב איך נישט אויסגעפירט מיין שליחות אויף די וועלט. דערפאר טוט זיך די שטילע שמו"ע בעיקר אפגעבן מיט יעדן'ס פרטית'דיגע קשר מיטן אויבערשטן, ווייל דעמאלטס איז די צייט ווען דער מענטש איז זיך מייחד מיטן בורא אויף א פרטית'דיגע אופן (און צדיקים האבן שטארק מאריך געווען ביי תפילת הלחש).

נאר נאך די עבודה פרטית פון שטילע שמו"ע, דארף מען זיך ווידער דערמאנען אז אונזער עבודה פרטית איז נאכנישט אלץ, נאר ס'איז אויך דא כלל ישראל, ס'איז דא א כללית'דיגע נקודה אלוקית, און כאטש ווען מיר באקוקן אונזער עבודה פרטית שטייען מיר זייער ווייט, אבער מצד דעם כלל, זענען מיר פאראייניגט מיטן אויבערשטן אין יעדן צייט און אויף יעדן מצב, מיר קענען זיך נישט אפרייסן פון אים, און דעמאלטס דאווענען מיר אויף אינגאנצן אן אנדערע, ליכטיגערע אופן, מיט בהירות און שלימות.

## די השפעות פון חזרת הש"ץ זענען פון אסאך א העכערע מקום

**פון אלץ וואס מ'האט גערעדט, קען מען פארשטיין פארוואס חזרת הש"ץ איז ממשיך אסאך העכערע השפעות ווי תפילת הלחש.**

אזיווי מיר געפינען אין חז"ל (ב"מ פה:), אז ווען ס'איז אמאל געווען א הונגער-יאר האט רבינו הקדוש געשיקט רבי חייא און זיינע קינדער זיך צו שטעלן ביי עמוד אלס שליחי ציבור, און ווען זיי האבן געזאגט "משיב הרוח ומוריד הגשם" האבן זיי ממשיך געווען א גרויסע השפעה פון רעגן, ביז אליהו הנביא איז געקומען און זיי צעטומלט כדי זיי זאלן נישט זאגן "מחיה המתים" און דורכדעם מעורר זיין תחיית המתים. פרעגט זיך א באוואוסטע שאלה: רבי חייא און זיינע קינדער האבן געדאווענט דריי מאל א טאג, פארוואס האבן זייערע דעמאלטסדיגע תפילות נישט גע'פועל'ט צו ממשיך זיין רעגן און תחיית המתים? נאר ס'ווערט מבואר אין ספה"ק, אז דאס איז טאקע ווייל תפילת הלחש איז נישט קיין פארגלייך צו תפילת הציבור, היות תפילת הציבור פארמאגט אסאך א גרעסערע כח.

**כדי דאס צו פארשטיין, דארף מען מקדים זיין א קורצע הקדמה:** על פי פשט איז דער סדר, אז נאכדעם וואס א מענטש דאווענט, ענטפערט אים דער אויבערשטער און ערפילט זיין געבעט. **הייסט אז דא איז פארהאן צוויי שטאפלען:** ס'איז דא דער שלב פון 'תפילה' און ס'איז דא דער שלב פון 'השפעה'. **אבער על פי פנימיות** איז דער סדר, אז דער מענטש טוט מיט די עצם תפילה ממשיך זיין די השפעה. ווייל דורך די אתערותא דלתתא ווערט אן אתערותא דלעילא, און דעריבער ווען א מענטש דאווענט מאכנדיג אן אתערותא דלתתא, טוט זיין עצם תפילה מעורר זיין כביכול די מידות עליונות און אזוי ממשיך זיין שפע, **און דאס איז איין שלב.**

ווען מ'פארשטייט דאס, און מ'נעמט אין חשבון אלץ וואס מ'האט געשמועסט, אז חזרת הש"ץ איז אסאך א העכערע תפילה, און ס'רירט אן אסאך א העכערע מקום, ווייל ס'רירט אן דעם 'כלל', צוליב דעם קומט די השפעה וואס מ'איז ממשיך בשעת חזרת הש"ץ פון אסאך א געהויבענערע מקום, און פשוט און פראסט געזאגט, מיר 'עפענען אסאך א גרעסערע קראן...', און דערפאר פועל'ט עס אסאך מער.



אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט דער גבאי: 347.452.3118
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483